# ישראל ראַבאָן

## אַ געשיכטע מיט אַ פֿערד

צוויי חדשים זענען מיר געלעגן אויף דער קאַמפּליניע פֿון פּויליש-באָלשעוויסטישן פֿראָנט אין ווײַסרוסלאַנד; פֿאַרהילט איבער קאָפּ און פֿיס אין אַ פֿאַרהאַרטעוועטן, פֿאַרפֿרוירענעם שניי, געלעגן אין די שוצנגריבער, געדרימלט פֿון מידקייט, נישט-רירעוודיקייט, אומבאַוועגלעכקייט און פֿוילקייט; געקוקט אין הימל, אין דער לופֿט, ווי די זון גייט ווידער אויף און גייט ווידער אונטער אויף ווײַסן, בלייכן, אין אײַז און שניי פֿאַרקאָוועטן פֿעלד און סטעפּ פֿון אומעטיקן ווײַסרוסלאַנד. פֿון צײַטפֿאַרטרײַב לאַנגווײַליקייט און פּוסטקייט געפּינטלט מיט די אויגן צו די קראָען, וואָס זענען געשטאַנען איבער אונדז אין דער הייך, אויף דער ערד, און געשאַרט, געגראָבן, געטוקט מיט די דינע פֿיסלעך און שוואַרצע שנאָבלען אין דעם אָפּפֿאַל פֿון עסנוואַרג, וואָס יעדער האָט פֿון שוצנגרוב אַרויסגעוואָרפֿן, און געצילט מיט די שאַרפֿע, כיטרע בליקן - אויף עפּעס געוואַרט, געוואַרט, נישט אָפּטרעטנדיק פֿון אונדז...

יעדער איינציקער זעלנער האָט געהאַט זיין קראָ - זײַן שומר. מאָדנע! זי האָט אַ מאָל אין דער קאַלטער לופֿט אַ פּאַטש געטון מיט די שוואַרצע פֿליגל, אויסגעקראַקעט עפּעס אין דער בלייכקייט פֿון שנייפֿעלד און אַוועקגעפֿלויגן, אָבער באַלד צוריק געקומען און ווידער זיך געשטעלט אויפֿן זעלבן אָרט, וואָס פֿריִער, און געוואַרט, געוואַרט!

צי קען מען זיך פֿאָרשטעלן, ווי שרעקלעך עס איז צו האָבן נעבן זיך סײַ טאָג, סײַ נאַכט, בײַ זונאויפֿגאַנג און אונטערגאַנג אַלס שומר אַ שוואַרצן קראָ מיט אַ שוואַרצן דינעם שפּיציקן שנאָבל, מיט כיטרע, קליינע פֿאַררעטערישע, פֿאַלשע, טונקעלע אויגן - אַ קראָ אַלס שומר, אַלס מאָדנעם, פֿאַלשן, געהיימען שומר פֿון טויט?

איך האָב אַ סך יאָרן פֿון מײַן לעבן פֿאַרברענגט אויפֿן דאָרף און נאָך קיין מאָל נישט געזען און געהערט דערציילן פֿון גרײַזגראָע פּויערים, אַז אַ קראָ זאָל זיך צוגעווינען צו אַ מענטש און זיך נישט וועלן שיידן מיט אים.

איך בין אַ בלאַסער, אַ ציטערדיקער און אַ בלוטאָרעמער. ביז פֿערצן יאָר האָב איך געגלייבט אין שדים און רוחות. מײַן מאַמע האָט מיר אָנגעטון ווײַסע קליידער, אַ סגולה, איך זאָל נישט שטאַרבן יונג, ווי מײַנע אָפּגעשיידטע שוועסטערלעך און ברידערלעך. מײַן טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל נישט גיין נעבן אַן אָרט, וווּ עס געפֿינט זיך אַ קירכע, אַ צלם און אַ קראָ. און מײַן בלוט האָט איינגעזאַפּט די פֿײַנדשאַפֿט צו קירכעס, צלמים און קראָען. אַז איך האָב קליינערהייט געזען, ווי אַ ייִנגל מאַכט מיט אַ שטעקן אַ צלם אין זאַמד, האָב איך צו אים נישט גערעדט יאָרן, זיך דערווײַטערט פֿון אים און נישט געוואָלט האָבן מיט אים צו טון.

דאָס וואַרטן פֿון די קראָען נעבן אונדז האָט אײַנגעהויכט אין אונדזערע נשמות אַ געהיימע, אומפֿאַרשטענדלעכע, מורא. מיר האָבן זיך נישט געשראָקן פֿאַרן טויט און פֿאַר די קראָען האָבן מיר מורא געהאַט.

די פֿרעסט זענען געווען אומגעהײַער שטאַרק, ברענענדיק, סמאַליענדיק. די לופֿט האָט געשטאָכן ווי מיט שפּיצן פֿון מעסערס. עס איז שווער געווען די ברוסט אויפֿצוהייבן און צו אָטעמען. האָט ווער אַ ביסל וואַסער פֿאַרגאָסן אויף דער ערד, איז עס גלײַך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אײַז. דער פֿאַרבלאָזער הימל האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַרפֿאַנצערטער און אונדזערע שטימען האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַ שאַרפֿן, מעטאַלענעם ווידערקלאַנג, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעשלאָגן אין ווענט פֿון שטאָל און בעטאָן.

מען האָט געבעטן: קאַמף, באַוועגונג, אויפֿגלידערונג, מאַן קעגן מאַן, צוזאַמענשטויס! דאָס בלוט אין די אָדערן איז געוואָרן שווער ווי בלײַ. די ביקסנשאָסן האָבן זיך געשיט אין אונדזערע אויערן ווי שרויט.

ענדלעך אין אַן אָוונט, ווען די פֿינצטערקייט גליטשט זיך אַראָפּ אויף בלייכן פֿעלד, האָט אַ קול, שיכּור פֿון אויפֿגעצונדענעם בלוט, אָפּגעהילכט אין די אָקאָפּעס:

אַטאַקירן, ברידער!... העי - האָ!... שטורעם, ברידער!

מיר זענען אַרויס פֿון די גריבער. געלאָפֿן, געלאָפֿן. געלאָפֿן אין דער נאַכט אַרײַן און גאָרנישט געזען. אַ קאַנאָנאַדע פֿון פֿײַערדיקע אויפֿגעפֿלאַצטע שראַפּנעלן- און האַרמאַטן-קוילן האָט געגאָסן אין דער פֿינצטערקייט פֿון דער נאַכט מיט פֿלאַמענדיקן רעגן און אויפֿגעטרייסלט די לופֿט און די ערד. מיר האָבן גאָרנישט געזען און געלאָפֿן.

מיט איין מאָל האָבן פֿאַר אונדזערע אויגן געטאַנצט שוואַרצע צאַפּלענדיקע, קליינע מענטשעלעך - ליאַלקעס, וואָס זענען פֿון רגע צו רגע געוואַקסן, גרעסער געוואָרן. באַלד זענען אָנגעקומען אַנטקעגען ווילדע, צעמאָרשטשעטע, פֿאַרפֿלאַמטע, אויסגעקרימטע פּנימער מיט וואַנזיניקע בליקן און פֿאַרקריצטע ציין, צווישן וועלכע עס האָבן בײַ אַ סך געבליצט בלאַנקענדיקע, גלאַנצנדיקע באַגנעטן. געשרייען האָבן געטויבט, שטילעטן האָבן געבלישטשעט און האַרמאַטן האָבן געדונערט און געשפּיגן מיט שטיקער פֿײַערדיקער לאַווע.

מיט איין מאָל: שטיל, קיין הויך. קיין מענטש. קיין בראַנד. איך געדענק נישט וואָס עס איז געשען. איך געדענק בלויז דאָס:

ווען איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט אויף דער קאַלטער פֿאַרפֿרוירענער ערד איז געווען שטיל און פֿינצטער. בלאָער שניי און שוואַרצע נאַכט אויף פֿעלד און סטעפּ.

אַ טויבער ווייטיק האָט מיר געריסן דעם לינקן פֿוס. עטלעכע טויטע מיט פֿאַרגלייזטע אויגן זענען פֿאַרבײַ מײַן בליק. דער ווייטיק האָט מיך געמאַכט אין זיי פֿאַרגעסן. איך האָב געשטאַמפּט, געטרעטן אויף דער געפֿרוירענער, אײַזיקער ערד אַן אונטערגעהאַקטער, אַ וואַקלדיקער, אַ שיכּורער.

אַז איך האָב מיך גוט אַראָפּגעבויגן האָב איך געזען, ווי אויף מײַן פֿוס הענגט אַ בלוטיקער, רויטער האַרטער צאַפּן, ווי עמעצער וואָלט מיר דורכן פֿוסגעביין אַדורכגעהאַקט אַ ריזיקן נאָגל.

עס איז געווען שטיל און פֿינצטער. איך בין געגאַנגען אַ שעה, צוויי און דערפֿילט, אַז די כּוחות פֿאַרלאָזן מיך און אָט-אָט פֿאַל איך אַנידער אויף דער ערד. דער פֿראָסט איז נאָך אַלץ געווען ברענענדיק און סמאַליענדיק, נאָך שטאַרקער ווי בײַ טאָג. איך בין געגאַנגען, נישט ווּיסנדיק ווּהין. אַ שוידער האָט אַדורכגענומען מײַנע ביינער. איך האָב געביסן די ליפּן פֿון קעלט און געציטערט, געטרייסלט זיך און געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. די געפֿרוירענע, אָפּגענומענע הענט האָב איך אַרײַנגעשטעקט צווישן מײַנע פֿיס, נעבן בויך, זיי צו דערוואַרעמען, און מיט אַ גערעמפּט, פֿאַרצערט, פֿאַרצווייפֿלט, יסורימדיק קול האָב איך גערופֿן אין דער נאַכט אַרײַן:

- האָ-לאָ - או-או-או - ווער-גייט? - האָ-לאַו - אָ-אַ! ווער-גייט?

קיין מענטש און קיין הונט האָט נישט געענטפֿערט אין דער ווײַטקייט פֿון סטעפּ. קיין שאָרך, קיין ריר, קיין שמער פֿון מענטשלעכע טריט און קיין הויך פֿון לעבעדיקן אָטעם, און קיין שײַן, קיין ליכטל פֿון אַ מענטשלעכן ייִשוב, אַ דאָרף, אַ כאַטע, אין דער ווײַטקייט פֿון מײַן אויג. כ'האָב מיך ווײַטער געשלעפּט, מיד, פֿאַרחלשט, אָן כּוחות, מיט פֿאַרטריקנטע ליפּן און אַ לעדערנעם גומען.

- אַך, ווען איך קען ערגעץ אָנוואַרעמען מײַן לײַב!... בלויז אַ ברענענדיקע קויל, אַ ביסל וואַרעמקייט אויפֿצולאָזן דאָס פֿאַרפֿרוירענע בלוט... אַך, מער גאָרנישט, ווי אַ ביסל אָנוואַרעמען זיך!...

אָט, נאָך אַ פּאָר טריט און איך זינק אַנידער אַ פֿאַרפֿרוירענער אויף דער ערד. מײַנע קני האָבן זיך געבויגן און מײַן גוף האָט זיך געוואַקלט אויף זיי.

- ווּ איז ערגעץ אַ שטאָט? ווּ איז ערגעץ אַ דאָרף, גרויסער גאָט?

בלויז האַרטע, ווינטערדיקע פֿינצטערקייט האָט געגלעט מײַן בליק און דער פֿראָסט האָט געסמאַליעט און געברענט, ווי ער וואָלט אַדורך מײַנע קליידער און געגלעט מײַן נאַקעט לײַב מיט קאַלטע, שטאָלענע צונגען.

- אַ ביסל וואַרעם וואַסער... איך פֿאַל... די קעלט שלײַדערט מיך צו דער ערד, ווי אַ געפֿרוירענעם פֿויגל פֿון בוים... איך פֿאַל!...

פּלוצלינג האָבן מײַנע פֿיס זיך אָנגעשלאָגן אָן עפּעס אַ שווערער,גרויסער, ריזיקער זאַך. איך בין אומגעפֿאַלן. ווי אַן אויסגעהונגערט קינד דערשפּירט אין דער נאַכט דעם ריח פֿון דער מאַמעס ברוסט, אַזוי האָב איך דערשפּירט וואַרעמקייט... איך האָב געטאַפּט מיט די הענט, מיט די פֿינגער, און באַרירט עפּעס זײַדנס, ווייכס און וואַרעמס.

- אַ! - האָט זיך פֿון מײַן מויל אַרויסגעריסן אַ געשריי פֿון פֿרייד - און שווער און אומגעלומפּערט און חיִיש בין איך אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דער זאַך, ווי אויף אַ וואַרעמער, ווייכער שויס.

אַז איך האָב מיך אָנגעשטרענגט און גוט אײַנגעקוקט, האָב איך געזען, אַז איך ליג אויף אַן אומגעוויינלעך גרויסוווּקסיק, ריזיק שלעפּפֿערד פֿון בעלגישן מין. פֿון פֿערדס האַלב געעפֿנטן פּיסק איז אַראָפּגעהאָנגען אַ גרויסע מאַסע פֿאַרפֿרוירן שוואַרצלעך רויט בלוט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ברייט, זיגזאַגיק, קאָלטענעוואַטע, און צום סוף זיך געענדיקט שפּיציק, צאַפּנאַרטיק, ווי אַ דרײַעקיקע באָרד פֿון אַ קיסר פֿון אַשור. דאָס פֿערד האָט נאָך געלעבט, געזיפֿצט און געאָטעמט מיט די לעצטע אויסשעפּנדיקע קרעפֿטן.

איך האָב זיך געדריקט, געוואָרפֿן זיך, איבערגעדרייט זיך ווי אַ משוגענער, פֿון איין זײַט אויף דער אַנדערער אויף דעם פֿערד און געשלונגען וואַרעמקייט מיטן מויל און מיט די נאָזלעכער. דאָס פֿערד, דערפֿילנדיק אויף זיך די מאַסע פֿון מיין קערפּער, האָט אַ שוואַכן, געבעכדיקן, מאַכטלאָזן קרעכץ געטון. איך האָב אַרונטערגעשטעקט אונטער דעם פֿערדס פּאַכוועס מײַן פֿאַרבלוטיקטן, פֿאַרווּנדעטן פֿוס, און אויף זיין וואַרעמען בויך אַרויפֿגעלייגט מײַן קאַלט געפֿרוירן פּנים און זיך געפּרעסט, געטוליעט אין זײַן פֿעל. מיר איז אָבער נאָך אַלץ קאַלט געווען. איך האָב געציטערט און געמיינט אַז איך קום אום פֿון פֿראָסט.

מיט איין מאָל איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ ווילדער געדאַנק, וואָס האָט מיך געמאַכט אויפֿציטערן. איך האָב אַ געשריי געטון מיט דער מאָדנער, וואַנזיניקער פֿרייד פֿון אַ געראַטעוועטן פֿון טויט.

איך בין שנעל אָפּגעשפּרונגען פֿון פֿערד אויף אַ טראָט, אין איין האַסטיקן אָטעם אַרויסגעצויגן מײַן קאַראַבין-מעסער און - טראַך!

מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט, מיט פֿאַרקריצטע ציין האָב איך אַרײַנגעזעצט דאָס מעסער אין דעם פֿערדס בויך. דאָס מעסער איז אַרײַן ביז צום הענטל.

- אוי! - האָט אַן אָפּגעהאַקט, טיף מענטשלעך געשריי פֿון אַן אונטערגעהאַקט מענטשלעך לעבן אַ פֿײַף געטון אין דער לופֿט.

ניין! איך גלייב נישט, אַז אַ שטאַרבנדיק פֿערד זאָל קענען אַזוי טיף מענטשלעך שרײַען! ניין, איך גלייב עס נישט!

אפֿשר בין איך עס געווען דער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם לעצטן טויטגעשריי פֿאַר דעם פֿערד, וואָס איך האָב אַליין דערמאָרדעט?

אפֿשר האָב איך אַליין אַרויסגעגעבן דעם לעצטן געשריי פֿאַר אַ שטאַרבנדיק באַשעפֿעניש, וואָס האָט שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו שרײַען?

אַ שטראָם פֿון געדיכטן וואַרעמען בלוט האָט אַ פּלײַץ געטון אויף מיר; אַ לאַשטשענדיקע וואַרעמקייט, אַ גלעטנדיקע, אַ ווייכע, אַ שווערע, האָט געשטראָמט אויף מײַנע הענט, וואָס האָבן געהאַלטן אין פֿאַרקוועטשטע פֿויסטן דאָס קאַראַבין-מעסער. די וואַרעמקייט האָט געשטראָמט אויף מײַן ברוסט, אויף מײַן פּנים און אויף מײַן האַלדז. מיט דער פֿאַרביסענער עקשנות פֿון אַ רויב-חיה, מיט פֿאַרשלאָסענע ליפּן און מיט דער לעצטער קראַפֿט האָב איך מיטן מעסער, מיט די הענט און מיטן גאַנצן קערפּער געריסן דעם פֿערדס בויך און אַרויסגעפֿליקט פֿון אינעווייניק זײַנע געדערעם.

פֿאַר מײַנע אויגן האָט געבלענדט אַ רויטע פֿינסטערניש. דעם פֿערדס בלוט האָט רויט געמאַכט די נאַכט. איך האָב אָבער דעמאָלט נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס איז בלוט. כ׳האָב געשניטן, געריסן און געפֿליקט די אינגעווייַדן פֿון פֿערדס בויך און זיי אַוועקגעוואָרפֿן נעבן מיר.

עס איז אַוועק אַ צײַט.

איך בין געוואָרן באַדעקט מיט קאַלטן שווייס און אויסגעווייקט אין בלוט. דעם פֿערדס בויך איז ענדלעך געוואָרן לער און פּוסט. איך האָב אַ שפּרונג געטון פֿון שׂמחה, זיך אײַנגעקאָרטשעט, אויסגעצויגן אויף דער ערד און אַרײַנגעקראָכן אין פֿערדס בויך.

מיר איז געווען וואַרעם, גוט וואַרעם!

עס איז מיר געווען באַקוועם אין דעם גרויסן, געראַמען בויך פֿון פֿערד. כ׳האָב זיך געלייגט אויף אַ זײַט און שנעל און מיד אײַנגעשלאָפֿן מיט אַ שווערן שלאָף...

אַז איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט איז שוין די זון געשטאַנען אין מזרח-טייל פֿון קאַלטן, פֿראָסטיקן הימל, אַ דרייסטע, ווי אַ זעלנער אויף אַ נײַ אײַנגענומען לאַנד.

װעלנדיק אַרויסקריכן פֿון פֿערדס בויך האָב איך דערשפּירט אַ שווערקייט, ווי איך וואָלט געווען צוגעקלאַפּט צו די אינערווייניקסטע ווענטלעך פֿון פֿערדס לײַב. איך האָב מיך אַ וואָרף געטון און באַפֿרײַט געוואָרן.

אַ קאַלטער, שאַרפֿער, צײַנערדיקער ווינט צוזאַמען מיט אַן אויסטערלישן, ברענענדיקן פֿראָסט האָט מיך אַרומגענומען, ווי אין אײַזערנע אָרעמס. פֿון קעלט בין איך געבליבן שטיין, ווי עס וואָלט נישט מעגלעך געווען צו שטעלן אַ טראָט. איך האָב צעשפּרייט די הענט און דאָ האָב איך געזען דאָס שרעקלעכסטע, וואָס איך האָב נאָר געקענט דערזען:

איך בין געווען אײַנגעפֿרוירן אין דער ערד. פֿון קאָפּ ביז פּיס אײַנגעהילט אין בלוטיקן, רויטן פּאַנצער פֿון פֿאַרפֿרוירן באָרדאָ רויט בלוט. די הענט האָב איך נישט געקענט אַראָפּלאָזן. זיי זענען געווען צעשפּרייט. מײַנע פּיס האָבן געקלעפּט צו דער ערד, און אויסגעזען האָב איך ווי אַ צלם.

גאָט מײַנער! איך בין געווען אײַנגעוואַקסן אין דער ערד, ווי אַ רויטער, בלוטיקער צלם!

איך - אַ בלוטיקער, רויטער צלם, וואָס שטעקט אין דער ערד.

איך - אַ בלוטיקער צלם אויף אַ ווײַסרוסישן סטעפּ![1]

עס איז געווען שוידערלעך, שרעקלעך און גײַסטערהאַפֿט:

אויף אַ ליידיק פֿעלד, ווו עס איז ווײַט נישט צו זען קיין סימן פֿון אַ מענטש, קיין שײַן פֿון אַ ייִשוב, שטיי איך - אַ פֿאַרפֿרוירענער, רויטער מענטשלעכער צלם!

איך בין געווען אײַנגעפֿאָרעמט אין האַרטן רויטן גלאָז פֿון אַ צלם!

איך האָב געוואָלט שרײַען און נישט געקענט; איך האָב געוואָלט וויינען און נישט געקענט.

איך האָב געפֿילט, אַז דער בלוטיקער צלם, וואָס האַלט מיך געפֿאַנגען און אײַנגעגראָבן אין דער ערד ווי אַ בוים, נאָגט לאַנגזאַם אויס מײַן לעבן...

נאָענט פֿאַר מיר פֿון איין זײַט איז געלעגן דאָס טויטע פֿערד מיט דעם אויפֿגעריסענעם בויך, פֿון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס היטל מײַנס, וואָס איז געווען פֿאַרפֿרוירן אין בלוט. און פֿון דער אַנדערער זײַט איז געלעגן דאָס אַרויסגעפֿליקטע בהמהשע האַרץ, לונגען, קישקעס, געדערעם, וועלכע זענען געווען פֿאַרדעקט מיט זילבערדיקן פֿראָסט, ווי אַ טויטן-לײַלעך, און צווישן זיי ביידן אין מיטן איז געשטאַנען אַ לעבעדיקער, בלוטיקער צלם.

ווי אַזוי איז עס געשען, אַז איך, וואָס האָב קיין מאָל נישט געקענט צוזען, ווי מײַנע חברים האָבן געפּײַניקט אַ קאַץ, זאָל מיט די אייגענע הענט האָבן אויפֿגעשניטן דעם בויך פֿון אַ לעבעדיק פֿערד?

דעם פֿערדס בלוט האָט גענומען שרײַען אויף מײַן לײַב: עס האָט מיך געשטיקט, געפּײַניקט און דעם אָטעם אויסגעזויגן.

איך האָב מיך געפּרוּווט אַ ריר טון - איך האָב נישט געקענט. איך בין געווען פֿאַרשטיינערט, פֿאַרשמידט, פֿאַרגלאָזט.

- אוי! - האָב איך אַ געשריי געטון ווי אַ קינד, וואָס וויל גיין און קען נישט.

ווי אַ פֿאַרגליווערטע מצבה מיט אַ צלם פֿון מיר אַליין בין איך געשטאַנען אויפֿן ליידיקן, פּוסטן פֿעלד...

מיט איין מאָל האָבן די פֿאַרגלייזטע אויגן פֿון דערהרגעטן פֿערד באַקומען לעבן און גענומען לאַכן פֿון מיר:

- מענטש!... מענטש!...

דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן צו האַקן, די אויערן טויבן, און פֿאַר מײַנע אויגן איז די ליכטיקייט פֿון טאָג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געמיש פֿון פֿינצטערקייט, שווינדלדיקער בלייכקייט און בלוט...

איך האָב גענומען דרימלען... פֿאַר די אויגן איז מיר געוואָרן פֿינצטער און די גאַנצע גרויסע וועלט איז געוואָרן נאַכט, גרויסע, טיפֿע, סאַמעטענע נאַכט... מײַנע אויגן זענען מיר געוואָרן שווער און דער דרימל האָט מיך פֿאַרוויגט.

מיט דעם לעצטן כּוח פֿון אַ שטאַרבנדיקן האָב איך אַ טרייסל געטון מיט מײַנע הענט און עס איז געשען מײַן ווילן:

דער צלם האָט זיך צעבראָכן. מײַנע הענט זענען באַפֿרײַט געוואָרן; דערנאָך האָב איך מיט מײַנע שוואַכע, פֿאַרבליבענע כּוחות גענומען מיר טײלן קלעפּ איבערן גאַנצן לײַב, געשלאָגן מיך איבערן פּנים, איבער די בריסטן, אין קאָפּ, און דאָס בלוטיקע אײַז האָט זיך געבראָכן אויף מיר ווי שערבלעך.

ענדלעך בין איך אין גאַנצן באַפֿרײַט געוואָרן. איך בין געוואָרן אויס צלם.

דאָס פֿערד האָט געקוקט אויף מיר מיט פֿאַרגלייזטע לאַכנדיקע אויגן; געקוקט, ווי איך שלאָג מיך, טייל מיר קלעפּ און פּײַניק מיך.

אַן אינערלעכער כּוח האָט מיך געטריבן און איך בין אַנידערגעפֿאַלן צום טויטן פֿערד, געקניט פֿאַר אים און געבעטן פֿאַרגעבונג, געוויינט, געשריגן, און די האָר, די פֿאַרבלוטיקטע האָר, זיך געריסן פֿון קאָפּ... [2]

[1] פֿון: ״איך - אַ בלוטיקער, רויטער צלם״ ביז דאַנען: פֿעלט אין דעם שפּעטערדיקן אָפּדרוק אין דער צייטונג.
[2] אין דעם אָפּדרוק אין דער צײַטונג פֿעלט דער לעצטער פּאַראַגראַף.